# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Ikh Dermon Zikh /  I Remember

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1t31940p

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Dr. Israel Stern, Dokter Yisroel Shtern /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל וויס

# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
מיטגלידער:
ז. בונין, נתן גערּאָוויץ,
משה כהן, שלמה צוקערמאַן
און אַלעקס ראַבין

33סטער יאָרגאַנג, נומער 91 • זומער 1978 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

ד״ר ישראל שטערן / מאָנטרעאַל

## איך דערמאַן זיך...

(צו אברהם גאָלאָמבס ווערן אַ בן־תשעים,
צו לאַנגע יאָר)

רופן, רופט מען אים „גאָלאָמב״ — אַ טויב. אָבער איזן, איז ער אַן אָדלער. איז דער אָדלער געפלויגן איבער ליטע, אוקראַינע, רוסלאַנד, און אין מיטן פון שטורעמס, דונערן און בליצן, צוריקגעפלויגן און סוף־כל־סוף געלאַנדט און זיך איינגענעסטיקט אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר.

אין די סוף צוואַנציקער און אָנהייב ד׳דרייסיקער פון אונדזער יאָרהונדערט איז אונדזער משפחה געווען באַהאַפטן צו גאָלאָמבן, דעם מענטשן און די אידעע, מיט לייב און לעבן. פיל מיטגלידער פון אונדזער הויז האָבן זיך געצויגן איינס נאָכן אַנדערן צו דער טרייסט און דער שיינקייט פון וועלטלעכער יידישקייט, וואָס האָט געלאָקט פיל יוגנטלעכע מארבע כנפות פוילן. דריי האָבן זוכה געווען צו זיצן צופוסנס פון דער ליכטיקער חברייא פון לערער־אידעאַליסטן, מיט גאָלאָמבן בראש. צוויי האָבן דעם סעמינאַר פאַרענדיקט — מיין ברודער יחיאל און מיין שוועסטער שפריה (קרישטאַלקע). די גזירה פון דער פילסודסקי רעגירונג — צו שליסן דעם סעמינאַר — האָט דער דריטערס — מיין שוועסטערס הענע (מאַרדער) ע״ה — האָפענונג אָפּגעהאַקט אין מיטן.

כאָטש איך האָב נישט זוכה געווען צו זיין גאָלאָמבס דירעקטער תלמיד, האָב איך דאָך פון אים געלערנט מער פון „איין פרק, איין הלכה, איין פסוק, איין וואָרט, אָדער אפילו בלויז איין אות.״ אַזוי, אַז איך בין מחוייב (לויט אָבות ו:ג) אים אָפּצוגעבן כבוד. איך האָב אפילו רשות נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון דוד המלך, און קרוינען גאָלאָמבן ווי איינעם פון מיינע רבים.

ווען מיין ברודער און מיינע שוועסטער פלעגן אַהיים קומען אויף אַ פסח, אָדער וואַקאַציעס, האָבן זיי מיטגעבראַכט אַן אוצר פון בייע יידישע לידער, ניגונים, שפּילן ון פאַרשטעלונגען, און האָבן געהאַט אַ פול מויל „גאָלאָמב״. מיט אַט די לאַקעטקעלעך האָט מען זיך געטיילט מיט דער קולטור־הונגעריקער שטעטלישער יוגנט. נאַטירלעך, בין אין געווען דער נאָענטסטער צו קוויקן זיך מיט דעם אַלעם. פון דער דערדריקנדיקער, אַנטי־סעמיטישער אַטמאָספערע פון דער פּוילישער שקאָלע, האָט די יידיש־וועלטלעכע שול מיך געלאָקט ווי דער גן־עדן. און גאָלאָמב האָט געטורעמט ווי אַ טרייסטנדיקער, אויסלייזנדיקער, גייסטיקער גיבור — אַ ריז.

אַ פעך־שוואַרצע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיין געמיט מיט דער פינצטערער בשורה וועגן דער גזירה צו פאַרמאַכן דעם סעמינאַר. דאָס האָט מיך און מיינע נאָענטסטע געטראָפן ווי אַ קינזשאַל אין האַרץ אַריין. די האָפענונג איז אויסגעלאָשן געוואָרן דורך די בייזע ווינטן, און ווייסטע קראָען (אויך יידישע...) האָבן זיך

אָפּגענומען זייער נקמה און געקראַקעט מיט שאָדנפריד.

אין אַ זוניקן פרי־האַרבסטיקן נאָכמיטאָג פון 1931, זענען עטלעכע תלמידים פון געשלאָסענעם סעמינאַר געזעסן ווי הילפלאָזע אבלים, אין אָזשעשקאָוואַ גערטל. „מאין יבא עזרי?‟— האָט מען געקענט אַרויסלייענען פון זייערע טרויעריקע אויגן, און פון זייער שוויגן. מיט אַמאָל באַוויזט זיך, פון דער ריכטונג פון פאַרשלאָסענעם סעמינאַר־בנין, אַ געשטאַלט. זי שפּרייזט זיי אַנטקעגן מיט אַן עלאַסטיש ריטמישן טראָט — אַ הויכע, אַן אויסגעגלייכטע. פון די תלמידים ציען זיך צו דער בייניקער געשטאַלט שטראַלן פון באַוווּנדערונג און דערוואַרטונג. די געשטאַלט שוועבט כמעט צו זיי, שטעלט זיך אָפּ האַרט פאַר זייער פּנים און טורעמט איבער זיי. אַ הויכער שטערן, אַ צעווינטלטער שויבער האָר, שפּיזלענדיקע, אָבער איינציייטיק, שטיפעריש־שמייכלענדיקע אויגן. יאָ, ס'איז חבר גאָלאָמב! העלפן קען ער זיי נישט. ער אַליין מוז עוקר זיין קיין ארץ ישראל. דאָך, זיין בייזיין גופא מילדערט אַ ביסל דעם ווייטיק און די עלנט.

איך— נאָר וואָס אָנגעקומען אין ווילנער יידישן טעכניקום — בין אַ זייטיקער אָבסערוואַטאָר. גאָלאָמב וואַרפט מיר צו עטלעכע שאַרפע שאלות און איז נישט צופאַרינטערעסירט אויסצוהערן מיינע ענטפערס. דאָס איז געווען מיין ערשטע פּנים אל פּנימדיקע באַגעגעניש מיט גאָלאָמבן.

וויניפּעג, 1938. גאָלאָמב קומט פון ארץ ישראל איבערצונעמען די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער פּרץ־שול אין „ירושלים דקאנאדע‟. פריער איז ער זיך שואל־עצה ביי די גדולי־היידישע־ליטעראַטור אין ניו־יאָרק, צי מען קען נאָך דאָ עפּעס בויען. אים חלומט זיך ירושלים דליטע... איך בין דאָ אַ לערער אין אַ יידישע שול. פרעגן מיך לערער, טוער: מאי קא משמע לן גאָלאָמב? איך ענטפער זיי מיט דעם ענטוזיאַזם פון מיינע יוגנט יאָרן. אָבער אַ ספק גריזשעט: מה עניין ווילנע אצל וויניפּעג? — ווי קומט וויניפּעג צו ווילנע?

גאָלאָמב גייט צו אַלעמען. ער רעדט צו קרייזן וואָס זענען צווישן זיך אויף מעסער־שטעך. ער וויל אַלעמען נעמען מיט שטורעם—רייד פון אַ נביא, אַ מוכיח. מען הערט אים אויס מיט באַגייסטערונג. יידן האָבן נאָך ליב געהאַט צו הערן אַ גוט וואָרט... אָבער נאָך זיינע רייד קומט דער קאַלטער טוש: „דאָ איז אַנדערש!‟ גאָלאָמב קען עס נישט תופס זיין און שלום מאַכן דערמיט. ער אַקערט, זייט, און זאַמלט אַ קאַרגן שניט. אָבער ער האָט פאָרט מער פּעולה און השפּעה פון אַנדערע.

קלמן מרמר קומט צו גאַסט קיין וויניפּעג. די צוויי לאַנדסלייט קענען זיך גאָר ניט געבוג זאַט אָנקוועלן איינער פון צווייטן. כאָטש לפנים געהערן זיי צו קעגנערישע לאַגערן, האָבן זיי אָבער, אין תוך, פיל שותפותדיקס אין גייסט. איך בין בלויז אַ משמש תלמידי חכמים, אַ זייטיקער צוהערער, ווי גאָלאָמב נעמט אָפּ טרויעריקע (שוין דעמאָלט...) גרוסן פון זיינע סאָוועטיש־יידישע באַקאַנטע: פּעדאַגאָגן, שרייבערס, פאָרשערס און קולטורטוערס. און קלמן מרמר דערציילט דעם אמת, און אַלע דריי פאַרבייסן מיר מיט אַ קרעכץ...

איך פאַרלאָז וויניפּעג פאַר גאָלאָמבן. מיר טרעפן זיך ביי לערער־קאָנפערענצן און אַנדערע געלעגנהייטן אין מאָנטרעאַל. גאָלאָמב שטורעמט, מוסרט און וואָרנט. אָבער, דער „דאָ אַנדערש‟! פאַרטויבט זיין קול אין דער וויסטעניש — פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

גאָלאָמבן לאָקט דער וויטאַלער יידישער ישוב אין מעקסיקע. פון דאָרט אויס נעמען מיר אָפּ גרוסן וועגן זיין בויען, וועגן זיין קעמפן. זיין פאַרלעגערישע אַרבעט, סיי אין וויניפּעג, סיי אין מעקסיקע, קומט אונדז גוט צו נוץ אין אונדזערע שולן. זיין מעטאָדיק האָט געטרייע נאָכפאָלגערס און אויסטייטשערס.

דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל. אַמאָל איז געווען אַ מעשה. אַ מעשה מיט אַ טויב — אַן אָדלער. דער אָדלער האָט געטראָגן אויף זיינע פליגל אַ דור פון יידישע טויבן. האָט געוויעט אַ ווינט פון אַפּאַטיע און געוואָיעט: „דאָ הי, דאָ הי, איז אַנדערש!‟ דער ווינט האָט צעטריבן די טויבן. יידיש שטומט אין די שולן.

דער אָדלער שטורעמט כקדם. יהי רצון, ער זאָל נחמות דערלעבן!